Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-234565-p0001-7

Im 3726
S

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-234565-p0002-3

an 8

רשית
העיר הגדלה
רומא
בשנת תצ״ז

HENR. CHRIST. IMMAN.
FROMMANNUS
*DE*
# INITIIS
# ROMÆ
JUDAICOGERMANICE

---

*SEORSUM RECUDI*
*CURAUIT*
IO. HENR. CALLENBERG
Phil. Prof. Ord.

---

*HALAE*
In typographia Inſtituti Judaici
CIϽ IϽ CC XXXVII.

Universitäts- und Landesbibliothek Sachsen-Anhalt
urn:nbn:de:gbv:3:1-234565-p0003-9

א מיר פראגן ווער זיין דיא רומיים
בכלל · אונ' וואו העט האבן זיא אירן נאמן :
היער אויך איז אן בטוב טעם ודעת
אדר מיט גוטן אונטר טייר אנטווארטן · נעמליך
צו ערשט איז אן אונטר זכן ווער זיא געוועזן
זיין אתחילה פון אירן אורשפרונג אן · אונ'
צום אנדרן ווער זיא געוועזן זיין צו דער זעלביגן
צייט · אלז דיזר בריב איזט אן זיא געשריבן
ווארדן · נעמליך קודם חרבן בית שני : ווייל
איר אבר זיא בפרט אירן אורשפרונג נאך
בטראכטן זאלן · וויא זיא האבן אן געפאנגן
איין פאלק צו ווערדן · זא געבן איר אויך
דיא ערשטי פראגי דיא אנטווארט אונ' זאגן
דיא רומיים וואָרן איין ערב רב פון פילרלייא
גויים · בלשון אשכנז הייזן · אונ' האטן
אירן נאמן פון אירר הויבט שטאט רומי אדר
רומא אויך טייטש רוים :

ב דאז ווארט גוי ווירד היער ניכט
בכלן גנוממן · נעמליך זוא · דש דא דורך אויך דיא
בני ברית פון אברהם יצחק אונ׳ יעקב אדר דיא
יהודים פר שטאנדן ווערדן · אלז ווענכי אויך
גויים גנענט ווערדן · וויא עש הייסט אין
פרשת לך לך · ואעשך לגוי גדול · אונ׳
איך וויל דיך מאכן צום גרויסן גוי אדר
פאלק · אונ׳ אין פרשת יתרו · ואתם תהיו לי
ממלכת כהנים וגוי קדוש · איין הייליגט גוי אונ׳
אין אנדרי פסוקים מעהר · אויך ווערדן
היער ניכט זאלכי גויים גמיינט · ווענכי דיא
שבע מצות בני נוח אויף זיך מקבל גוועזן אונ׳
זונשטן גירי תושב אדר אויך חסידי אומות
העולם גנענט ווערדן · וויא צו זעהן איזט
אין מסכת סנהדרין אונ׳ אין יד החזקה מספת
ע״א · זונדרן עש ווערדן היער זאלכי אומות
פר שטאנדן · דיא גאר לגארי קיין חלק גהאבט
ניכט אן דעם ווארהאפטיגן גאט ישראל ·
אונ׳ ניכט אן זיינר תורה אויך ניכט אן כנסת
ישראל · אונ׳ אלזוא רעכטי עובדי עבודה
זרה אדר אלילים · בלשון אטכנז ווערדן זאלכי
אומות עובדי עבודת אלילים היידן גנענט ·
אפטר רעשט ווען וויל זעלביגי אירה עבודה
זרה גערן אין היידן אדר אין דען ווערדן פון
גרויטן

גרויטן בייארן צו טרייבן פפלעגטן · דען היירי
הייסט בל״א זוא פֿיל אלז היין אדר וואלד : אונ׳
דיזש פירוש קומט איבר איין מיט דעם וואס
איר פֿון דען עבֿודות אלילים אין דער תורה
אונ׳ נבֿיאים פֿינדן · אלז וואו זעלבשט גזאגט
ווירד דאש זיא ברובֿ גשעהן זיין תחת כל עץ
רענן · אונטר איינם צווייג האפֿטיגן בוים :
אונ׳ עבן דעשט וועגן האט הקב״ה בפֿוילן דיא
אשרים צו פֿר טניירן · וועלכש ווארט ניכט
דוקא צירן בייאר בדייטיט : זונדרן בכלל
אלי זאלכי וועלדר · וואו זעלבשט דיא גויים
אירי אלילים האטן ; אלזוא זיין דיא רומיים
פֿון אן פֿאנג זאלכי גויים עובֿדי עבֿודה זרה
גוועזן :

ג יוסף בן גוריון שרייבט אין דעם ערשטן
קאפיטל פֿון זיינם ספֿר דאש דיא רומיים הער
קומן פֿון כתים · וועלכר איין זון וואר פֿון
יפֿת איין זון נח בראשית סימן י׳ פסוק ד׳ ·
דען ער שפריכט בפֿירוש אלזוא · כתים הם
הרומיים החונים בכפניא על נהר טיברים
דיא כתים זיין דיא רומיים · דיא דא וואונן
אין דעם פֿלון כפניא בייא דעם באך דער
טיבר גנענט ווירד : כפניא אבר · אדר כמפניא
איזט איינה מדינה אין איטליא צווישן דעם

פלוס טיבריס אונ׳ צווישן דען גרענצן פון
ניאפוליס :

ד אלזוא איינט ר׳ יוסף דאז זעלבשט דש
דיא כתים נאך דעם דור המבול אונ׳ דור הפלגה
אין איטאליא אדר וועלש לאנד גקואן · אונ׳
האבן דאז זעלבשט גוואונט · אונ׳ האבן דאז
שטעטי גבויאט אונ׳ זיך קיניגי אויש גוועלט ·
אונ׳ דאז ווערן זיא מיט אונטרשידליכי נאמן
גנענט וואדרן נעמליך נאך דען נאמן דער פר
שידליכן קיניגן · וועלכי זיא גהאבט · דער נאך
איזט איין מלך אונטר אינן אויף גשטאנטן
מיט דעם נאמן לאטינוס · דער איר לשון אונ׳
אירה אותיות רעכט האט אפרש גוועזן · פון
דעם זעלביגן וואורדן זיא גנענט לאטיני אונ׳
דאז לשון ווירד נאך עד היום הזה לאטיין גנענט
ביז ענדליך נאך פילן טאגן איין אנדרר מלך
תקיף אונטר אינן אויף גשטאנדן · מיט דעם
נאמן רומילוס · דער בויאטי איינה נייאה
שטאט מיט אויזרן בייא דעם באך טיבריס
אונ׳ נענטי זיא נאך זיינן נאמן רומי אדר
רומא אונ׳ דא הער וואורדן אלי · דיא צו
דעם מלכות פון דיזר שטאט גהערטן ·
רומיים גנענט · זאלכש אליש קאן דא זעלבשט
נאך גלעזן ווערדן אין דעם ערשטן אנדרן
דריטן

דריטן אונ׳ פירטן קאפיטל אויס דעם ערשטן
בוך :

ה דיזי ערצילונג פון יוסיפון קומט גנויא
איבר איין מיט דען ספרי הקדמוניות דיא דא
פון אין לשון רומי אדר לאטיין אונ׳ אין לשון
יון גשריבן זיין : דען אלי דיאזעלביגי זיין
פה אחד מודה · דאס דיא אומה׳ וועלכי
נאך דער צייט זיין רומיים גנענט ווארדן ·
לאנגי צייט אונטר אנדרן נאמן אין איטאליא
זיך אויף גהאלטן האבן · ביז איינר גקומן
ווערי דער רומילוס גהייסן · דיזר האט
דיא שטאט רומא גבויאט אונ׳ אן גפאנגן
כסדר איינה מלוכה אן צו ריכטן מיט
אלירלייא חוקים ומשפטים אונ׳ מיט פילן
חירות · אונ׳ פון דער זעלביגן צייט אן
האט דיזס מלכות אן גפאנגן עולה למעלה
צו זיין אונ׳ צו וואקסן · דאס עס קודם
חרבן בית שני ממש דען גאנצן עולם האט
כובש גוועזן :

ו דיזס נאך איזט לייכטליך דארויף
מטיב צו זיין · ווען אויבן אין סעיף א׳ גפרעגט
איזט וואו הער דיא רומיים אירן נאמן הער
האבן : נעמליך פון דער שטאט · דיא
איר מלך האט בויאן לאזן · אונ׳ זיא נאך זיינם
נאמן גנענט :

ז עהיר איר אבר ווייטר גיאן וואן
איר נאך עטוואס מעלדן פון דען טבות ונפלאות
אדר פון דעם וואונדרליכן אן פאנג פון דיזם
ערשטן אלך · פון וועלכן דיא גאנצי אומה
אירן נאמן האט · אונ' פון דען מבות פון
דעם גאנצן מלכות וועלכי דער נאך זאו זעהר
גרויט גווארדן איזט · כדי אן דיא השגחה פון
השי' ערקענן זאל · דיא ער אויך איבר זאלכי
האט · דיא זיינן נאמן ערשט נאך לאנגר
צייט ערקענן אונ' אין אן רופן ווערדן :: אונ'
וויל דיא דברי הימים למלכי רומא אדר דיא
איינזה ביכר · דיא דא ערצילן דיא גשיכטי
פון דער שטאט רוים אונ' פון אירן מלכים
דיזי זאך אן בעסטן בשריבן האבן אין אירם
לשון לאטיין · וועלכי דען רוב יהודים אום
בקאנט · זא וואלן איר אויז דען זעלביגן
מעלדן · וואס דא צו געהערט :

ח אונ' נון · אלזוא שרייבט דער ראש
הכותב איט דעם נאמן ליוויאוס אין זיינם
ספר הקדמוניות למלכי רומא בלשון לאטיין
אין ספר ראשון סימן ג' אונ' ד' : דער נאך
(נעמליך נאך דעם טויט דש קיניגש אבינטינוס
דער לאנגי צייט נאך דעם קיניג לאטינוס פון
וועלכן דיא רומיים צו ערשט זיין לאטיני גנענט

ווארדן

וואָרדן וויא איר אין סעיף ז' געמעלדט גקיניגט האט · אונ׳ דען יוסיפון בן גוריון אבינשטיגנו נענט ) קיניגטי פורקא ( דיזן נענט יוסיפון פרוקאס ) : דיזר האט צוייא זין גוואונן דער ערשטי היס נומיטור אונ׳ דער אנדרי אמיליאוס : אלז דער פאטר פורקא שטערבן זאלטי · האט ער אין זיינר צוואה בפוילן דאס דער נומיטור זאלטי נאך אים מלך זיין · וייל ער דער בכור וואר : אליין נאך דעם טויט פון פורקא קאם דער אנדרי ברודר נעמליך אמיליאוס · אונ׳ יאגטי זיינן ברודר וועק דאס ער אן איינם אנדרן ארט וואונן מוסטי · אונ׳ ער נאם דיא מלוכה בחזקה איין · אונ׳ וואר אלזא מבטל דיא צוואה פון זיינם פאטר : ולא זו בלבד · זונדרן ער וואר נאך דא צו מוסיף חטא על פשע אין דעם ער זיך פירכטיטי עס מעכטן פיל לייכט דיא קינדר פון זיינם ברודר איין מאל קומן אונ׳ זיך אן אים נוקם זיין פון וועגן דער עוולה דיא אירם פאטר גשעהן · זא שטונד דער רשע אויף אונ׳ פר טילגטי מענליכי זאמן ( זרע זכר ) פון זיינם ברודר :

ט נון וואר נאך איינה טאכטר דא פון דעם פר טריבנן מלך נומיטור · איבר

זעלביגי האטי דער רוצח נאך רחמנות · אונ׳
ליס זיא לעבן : אבר אוך צו פֿר היטן דאס
זיא קיינה קינדר בקומן מעכטי · דיא איך
דער נאך פֿיל לייכט מדה כנגד מדה בלאלטן
זוא שטעקטי ער זיא אן איינן ארט · דער
מאט וויא איינה תפֿיסה וואר : אלין עס איזט
דאך גשעהן דס איינר האט דיזי בתולה מאנס
גוועזן · אונ׳ זיא ווארד טראגן · אונ׳ גוואן איין
צווילינג זכרים : אונ׳ אויב גלייך דיא אנוסה
זאגטי דאס זיא ניכט פֿון איינם בן אדם
זונדרן פֿון איינם אלוה ווערי טראגן ווארדן ·
דער דא נאך איינם שטערן פֿון דען שבעה
כוכבי לכת גנענט ווירד אונ׳ הייסט מאדים
בלשון רומי מרש · אונ׳ גראכטי דאס מאן
רעטט וועגן איבר איר אונ׳ איבר אירי
ממזרים חס זיין מעכטי · אונ׳ זיא ניכט ממית
זיין · זוא האט דאך אלס דיזס ניכטס
גוואלט העלפֿן : דען איר פֿעטר דער קיניג
אמיליאוס זאך וואול דס זיין מלכות קיין קיום
האבן ווירדי · ווען דיזי צווייא קינדר זאלטן
לעבן בלייבן · זוא ליס ער דיא מוטר פֿון
דיזן קינדרן בינדן · אונ׳ אין איינה טווערירי
תפֿיסה הין איין שטעקן · אונ׳ איבר דיא
קינדר האט ער גבאטן · דאס זיא זאלטן
אין

אין דאז פֿאר ביים פֿליסנדי וואסר · נעמליך
אין דען באך טיבריס געווארפֿן ווערדן :

י עס גשאך אבר דאש דא צו מאל
דער פֿלוס טיבריס איזט איבר זיין בארטן
הריבר גלאפֿן · אונ׳ האט אויף דען פֿעלדרן
דיא אום אין הרום ליגן פֿיל זומפֿן גמאכט פֿון
וואסר · דאס עס ניכט מיגליך וואר דא הין
צו קומן · וואו דער רעכטי סטראם פֿליסט :
ווייל נון דיא יעניגי · דיא דא זיין גשיקט
ווארדן · אום דיא קינדר אין דען פֿלוס
הריין צו ווערפֿן · גדאכטן · עס קענטן יוא
זאלכי קליינה קינדר אויך אין איינם קליינם
וואסר ערטרונקן ווערדן · אונ׳ זייא עס
דעסט וועגן ניכט ניטיג זיא ערסט ביז אין
דען פֿלוס זעלבסט צו טראגן · דא הין עס
זעהר שווער וואר צו קומן · זוא ליגטן זיא
דיא קינדר אין איינה קליינה וואסר זאמפֿל הין
איין · דיא זיא צו ערסט אן גטראגן האבן ·
אונ׳ איילטן דס זיא באופֿן זה טון דאז גבאט
פֿון אירן קיניג ערפֿילט העטן :

יא דא זאגן נון איינגי דאס נאך דעם
דאז ווייניגי וואסר זיך אויס דעם ארט ווידר
הרויס גצויגן וואו פֿאר העגר איינה קליינה
זומפֿן וואר · אונ׳ עס איין ווייניג טרוקן
גווארדן ·

גוואכרן · זוא זייא איינה נקבה פֿון איינם
וואלף · דיא דא אויז דורשט פֿון לוויטן דען
הרום ליגנדן גבירגן הרפֿאר קאם אונ׳ לום
וואשר גינן וואלטי · דא הין גקואן · אונ׳
אלז זיא דאז גשרייא פֿון דען קנאבן גהערט
זוא האבי זיא זיך לו אינן גלענקט · אונ׳ וויא
זיא לו אינן גקואן · האבי זיא זיך נידר גהוירט
אונ׳ דען קנאבן זוא ברחאנות איירי בריסט
גרייכֿט אוס דרויש לו זויגן · דאש דער הירט
פֿון דעם פֿיך דש אלך · דער במקרה אדר
וויל ער איין קינדר גשרייא גהערט אויך דא
הין גקואן איזט · זעלבשט גזעהן · וויא דיא
וועלפֿן דיא קנאבן איט דער לונגי לעקטי
ניכֿט אלז ווען זיא איינה חיה רעה וורדן
ואוש איינה אוטר וועדי פֿון דיזן בריות דיא
איס וואשר לאגן :

יב אנדרי אבר זאגן · דש ניכֿט איינה
וועלפֿן אאש גקואן וועדי אונ׳ זיך זוא אייבר דיא
קנאבן ארחם גוועזן · וורדן איינה זונה ·
וועלכֿי · וויל זיא איינה גרוישה נפקא גוועזן
ממש לכל הכלבים · דער גלייכֿן אויך בלטון
לאטיין לופא גנענט ווירד · דאש הייטט
איינה וועלפֿן אונ׳ וויל פֿילי דיזש ניכֿט פֿר
שטאנדן · אדר ניכֿט גוואושט דאש דאז
וואָרט

וואַרט לופא אדר וועלפן בדרך השאלה
אלהיער גברויכט ווערד׳ זוא האבן זיא
דען אן פאנג געמאכט פֿון דיזם טעות נעמליך
דאס זיא געמיינט עס ווערי איינה חיה רעה
אדר וועלפן אמס געוועזן:

יג׳ אליין דיזם גיט אונז ניכט פיל אן
עס מאג איינה נפקא אדר חיה רעה געוועזן
זיין׳ גנוג דיזי קנאבן בליבן לעבן׳ אונ׳
דער הירט נאם זיא מיט זיך נאך הויז׳ אונ׳
גאב זיא זיינה פֿרויא אום זיא צו ער ציהן:
דער זעלביגי הירט זאל פֿויסטולוס געהייסן
האבן: אלזוא זין זיא אונטר דען הירטן ביים
דעם פֿיך אונ׳ אלז יעגר׳ דיא אלירלייא
חיות געפאנגן אויף געצויגן אונ׳ איינר רומילוס
אונ׳ דער אנדרי רימוס גנענט ווארדן: נאך
דעם זיא אבר גרויס אונ׳ שטארק געווארדן׳ זוא
וואר דיזס אינן ניכט גנוג דאס זיא דען חיות
רעות נאך יאגן זאלטן׳ זונדרן זיא לויערטן אויף
דיא גזלנים אונ׳ בעלי מלחמות׳ דיא דא
פֿילי רויב צו זאמן געבראכט האטן פֿון בהמות
אונ׳ תבואה אדר פֿון אנדרן מטלטלים פֿון
זילבר אונ׳ גאלד׳ אונ׳ דיא צוויא ברידר
פֿילן אויף זיא׳ אונ׳ בוועלטיגטן זיא אונ׳
זיא טיילטן דיא גזילות אונ׳ דען רויב אונטר

דען הירטן אויס : דעסט וועגן איזט עס
געשעהן דאס זיך אלי טאג דיא צאל פון פריאים
אונ' פון אנדרן ריקים פוחזים אונ' בעלי כח
ביא דיזן צווייא ברידרן פר אערט אונ' זיא
טאטן פילרלייא אעסיק אונ' וואררן אוכל וטותה
ועושה :

יד אונ' עס געשאך · אלז דיא גאנצי
חבורותה איין אאל שפילטן · דא צוירטן
דיא בעלי מלחמה · דיא אפט טון פון איינן
בגזלת געוואָרדן · אויף זיא · זונדרליך אויף
דיא צווייא ברידר · אלז וועלכי דיא ראשי
בריוני פון אלן וואָרן · אונ' אלז דיא צוירר
דיזי פאנגן וואָלטן · זא האט זיך דער רומילוס
דורך זיינה גבורה אליין געוועזן אונ' איזט
ענטרונן · דער אנדרי ברודר אבר · נעאליך
דער רימוס איזט געפאנגן · אונ' פאר דעם
קיניג אמוליאוס זיינם פעטר · ( דער אין
אבר ניכט געקענט) פון וועגן דער גזילות אן
געקלאגט וואָרדן : אליין · וויל דער רימוס
אן אלר אייגסטן דעסט וועגן איזט בשולדיגט
וואָרדן דאס ער מיט זיינם ברודר אונ' נאך
אנדרן פריאים אבזונדרליך אין דיא דערפר
איין געפאלן זיין · אונ' דא געלבסט אליס
געפלינדרט אונ' וועק געפיהרט · דיא דא דעם
ברודר

ברודר דעז קיניגש· נעמליך דעם נומיטור
געהערטן· דער פון זיינם מלכות מיט פר
שטורצן געווארדן אונ׳ וועלכר דער עלטר פאטר
וואר פון דיזן ברידרן: (סעיף ח״
ט״) זאג מיט דיזר בר הכי צו דעם נומיטור
געשיקט אונ׳ אים איבר אנטוואורט ווארדן·
אום פון דעם זעלביגן זיינן פסק אונ׳ גזר דין
צו עמפפאנגן: דער נומיטור אבר וואוסטי
נאך ניכט דאש דיזר בעל גאות זיין אייניקל
וועריּ:

ט׳ נון וואוסטי דער פיך הירט
פויסטולוס פון אן פאנג אן וואול דאש זאלכי
ביידא אים אויף געלייגן וועררן· דיא מורע
המלוכה זיין· דען ער האט געוואוסט דאש
איין פאר קינדר זיין אויף בפעהל פון קיניג
אין דאז וואסר היין איין געטראגן ווארדן·
אונ׳ דיזש שטימטי אויך גנויא איבר איין מיט
דער צייט אין וועלכר ער דיא קינדר געפונדן
אונ׳ צו זיך גנומן האט: דאך וואלטי ער
דיזי זאך נאך קיינם מענשן מגלה זיין· אויך
ניכט דען ברידרן זעלבשט· וויילן זיא נאך
קיין כח אונ׳ יכולת גנוג געהאבט איהרן ייחוס אונ׳
כבוד צו בשטעטיגן· זונדרן ער האט געווארט
ביז אויף איינה גוטי געלעגני צייט· אדר ווען

עט דיא ניט ערפֿאדרן זאלטי · אלז דען
וואלטי ער אפֿן באהרן ווער זיא זיין : נון
וואר דיא ניט אונ׳ סכנה דא · דעסט וועגן
האט ער בעל כרחו דיא גאנצי זאך דעם אנדרן
ברודר · נעמליך דעם רומילוס מגלה זיין
אוזן :

טז אלז נון דער נומיטור דען רימוס
ביים זיך תפֿוס האטי · אונ׳ הערטי דאס
אין צווילינג בריד׳ ווערן · אונ׳ ער דערכֿנטי
זאך איר אלטר · אונ׳ בטראכֿטיטי דאביים
דיא הוייתֿ אונ׳ מידותֿ פֿון דעם רימוס ·
וועלכֿי ניכֿט ווארן אלז דיא הוייתֿ אונ׳
מידותֿ פֿון שלעכֿטן עבֿדים אונ׳ פחותֿים ·
דא שטיג איס אין זיין געמיט דאז אן דענקן
פֿון זיינן איינקלן ( מיט וועלכֿן זיין ברודר
זא באכֿזריותֿ אום געגאנגן איזט · סעיף ט ) :
אונ׳ ער האט עט דורך פֿארשן אונ׳ פֿראגן
זא וויט געבראכֿט דאס ער באלד דען רימוס
פֿאר זיין איינקל ער קענטי :

יז דא איזט נון דעם קיניג אמיליאוס
פֿון אלן זייטן אויך געווארט אונ׳ זאך געשטעלט
ווארדן · אונ׳ זיין אנצאלייא תחבולותֿ ערדאכֿט
אום אין אוויתֿ צו זיין : רומולוס קאנטי ניכֿט
ביד רמה מיט געוואפֿנטן בעלי מלחמותֿ
בפֿרהסיא

בפרהסיא איבר דען אלך קואן אונ׳ אין אנצח
זיין׳ דען זוא פֿיל ווארן נאך ניכט דא׳ אלז
דא צו געהערטי׳ זונדרן ער נאם זיינה
פריצים אונ׳ שיקטי זיא איינציג ווייז פֿארט׳
אונ׳ גבאט דאש איינר אויף דיזן וועג אונ׳
דער אנדרי ווידר אויף איינם אנדרן וועג
זוא בשתיקה צו דעם שטאט זואו דער קיניג
דרינן וואונטי׳ הין גיאן אעכטן׳ אונ׳ ער
זעלטי איינה גווישי צייט׳ אין וועלכר אלי
אויף איין אאל בלי ספק דא הין קואן זאלטן:
דער אנדרי ברודר רימוס נון׳ דער וואפֿנטי
אויך נאך אעהר יונגלינג אין דעם הויז פֿון
נומיטור זיינם עלטר פֿאטר׳ אונ׳ קאם דעם
אנדרן צו הילף׳ דא פֿילן זיא בחאת כוחם
אין דאז שלאס הין איין אונ׳ טויטיטן דעם
קיניג אמוליאוס: אונ׳ בצאלטן אים מידה
כנגד מידה:
יח אלז דען ציט דער נומיטור אליש
פֿאלק אין דעם מקום מלוכה פֿר זאאלן אונ׳
ער שטונד אויף אונ׳ צייגטי אינן דאז עוולות
אונ׳ דאז אכזריות פֿון זיינם ברודר אמיליאוס
אונ׳ זאגטי דא בייא דש דיזי צווייא ברידר זייני
איניקל ווערן׳ אונ׳ ער צילטי׳ וויא זיא
גבוירן׳ וויא זיא אויף גצויגן אונ׳ וויא זיא
פֿון

פון איהם זיין ערקענט גווארדן: דיאביידן ברידר גינגן מיט איינר שאר פון פרינצים איטן אונטר דאז פר זאמלטי פאלק· אונ' גריסטן אירן עלטר פאטר אלז איינן אלך אונ' ווינשטן איהם מזל טוב צו זיינם מלכות: אונ' אלייט פאלק ווארד פה אחד מיט אלן מסכים וואס געשעהן איזט· אונ' אלזוא קאם דיא מלוכה ווידר צו דעם נומיטור אונ' ער בליב דער נאך פעסטיגליך זיצן אויף דעם שטול זיינס קיניג רייכס:

יט נאך דיזן נון קאם דעם רומילוס אונ' דעם רימוס דיא בגירדי אן דא היין איינה שטאט צו בויאן וואו זיא זיין היין גליגט ווארדן צו דר זייפן: עס ווארן אויך נאך פילי פון דען לאטיני אלבאני איבריג· דיא נאך קיינן מקום קבוע האטן· אויך ווארן נאך אנדרי לייט מעהר דיא זיך נאך אונ' נאך דארט היין פר זאמלט אונ' גערן מיטב זיין וואלטן: דא אן שוין דאמוליט זאהן קאנטי עס ווערדי דיזי נייאה שטאט גרעסר ווערדן אלז דיא שטאט אלב"א אונ' דיא שטאט לאביניאום· וועלכש דא צו מאל דיא הויבט שטעט וואהרן אין גאנץ איטליא: אלז זיא מיט דער נייאה שטאט פערטיג ווארן· אונ' אויך שוין איינה אויאר

הרום

הרוק גלויגן דא ענטשטונדן מחלוקות צווישן
דען ברידרן · וייל איין יעדר גערן דען
כבוד האבן וואלטי דאס דיא שטאט נאך זיינם
נאמן העכֿטי גנענט ווערדן · אונ׳ וייל קיינר
עלטר וואר אלז דער אנדרר · אין דעם זיא
איין צווייליג וואדן · זא וואלטי קיינר דעם
אנדרן עטוואס נאך געבן : בקיצור הדברים
עס קאם אין דען מחלוקות זא וויט דאס
זיא זיך מיט איין אנדר אן פֿינגן צו שלאגן · אונ׳
דער רומולוס וואר גובֿר אונ׳ טויטיטי דען
רימוס · אונ׳ אלזוא נענטי ער דיא שטאט
נאך זיינם נאמן רום דאז הייסט רומי אודר
רומא · אונ׳ דא הער זיין אויך אלי איין
וואנר פֿון דער זעלביגן רומאני גנענט :
בלשון עברי רומיים :

ב נאך דעם נון אלזוא דיזי שטאט
גבויאט וואר אונ׳ עס אמנגלטי דאך נאך אן
איין וואונר צו דער זעלביגן · זא גדאכֿטי
דער רומולוס דיזי תחבולה אויס · דאס ער
איין עיר מקלט דא זעלבסט אויף ריכֿטיטי ·
דא מיט אלי רוצחים אונ׳ אנדרי בעלי מעשה
רע · דיא עטוואס בויז גטאן האבן · איין
זיכֿרן בשוץ האבן העטן · דא הער איזט עס
גשעהן ·

גשעהן· דאש דיא שטאט אין קורצר צייט
מיזט פֿאל פֿון פֿאלק געווארדן:

כא אליין דא וואר איינה נייאה צרה
פֿר האנדן· נעמליך עש מאנגלטן ווייבר· אונ
אן וואוטטי ניכט וואו אן פֿאר זא פֿיל מאנש
בילדר פֿרויאן העער קריגן וואלטי· אונ אלזוא
העטטי דיזי שטאט ניכט לאנג בשטאנד גהאבט:
אונ אויב גלייך דער רומולוס משולחים שיקטי
צו דען פֿעלקרן· דיא אום איהם הרום וואונטן
אונ ליס זיא ביטן· דאש זיא זיך מעכטן מיט
אינן מתחתן זיין· זא וואר דאך אליש בחנם
ובלא דבר· דען אלי גויים האטן איינה
שנאה אויף דיזי שטאט: דא ערגריאטי
דער צארן פֿון רומולוס איבר דיזי זאך דאש
זיינה משולחים ניכטש אויש גריכטיט האבן·
אונ ער זוכטי אנדרייא ערמות צו ער דענקן
דש ער נור זיינן לייטן מעכטי נקיבות פֿרשאפֿן:

כב וואש טאט ער נון· ער ליס אלר
לייא שפילן פֿון טאנצן אונ אנדרן לושטבארקייטן
אן ריכטן· אונ ליס עש אן זייגן צו דען
פֿעלקרן דיא פֿון רינגש אום וואונטן· אונ
זיא ביטן דאש זיא קומן מעכטן אונ דיא שפיל
מיט אן זעהן: דא קאמן נון פֿיל לייטי דא
הין אויף דעשט וועגן· אום דיא נייא גבויאטי
שטאט

שטאט צו זעהן · זונדרליך קאמן אויף דיא
זאביני מיט אירן ווייברן אונ' קינדרן : אלז
אן דיא שפיל אן גגאנגן זיין · אונ' אלי
פרעאריאיט פר וואונדרונג צו שויאטן · אונ'
אן ניכטש בויזש גראכטן · דא ענטשטונד
איינה גוואלט טעטיגקייט דיא שוין פאר הער
איזט אב גרידט גוועזן · נעאליך עש ווארד
איין צייכן גגעבן פון דען רומולוס גלייך וויא
עש שוין איזט אב גרידט גוועזן · אונ' דא
שטונדן דיא רואייק אויף אונ' רויבטן אלי יונג
פרויאן וועק · וועלכי דיא אורחים מיט גבראכט
האטן · אונ' טיילטן זיא אונטר איין אנדר
אויש : עש ווארן אבר בערך זיבן הונדרט
בתולות דיא זיא געפאנגן האבן : נון האטן
דיא רומיים דיא רגזה פון דען נקיבות אונ'
פון אירן עלטרן מכפר צו זיין : דיא נקיבות
זיין באלד גוט גווארדן נשים דעתן קלות · דיא
עלטרן אבר זוכטן זיך נוקם ונוטר צו זיין וועגן
דיזר עוולה · אונ' פירטן מלחמה מיט דען
רומיים · אליין דיא רואייק ווארן זיא מנצח
אונ' דיא שונאים ווארדן אוהבים · אונ' זיא
מאכטן שלום אונ' לעבטן אונטר איין אנדר אלז
וויא איין פאלק :

כג דער יוסיפון שרייבט אין דעם

ערשטן

ערשטן בוך סימן א׳ אויך פֿון איינר מעשה
וועלכה צו דעם פֿאלק זבינה געשעהן אין דען
ערשטן טאגן עהיר נאך איין מלך איבר זיא
קיניגטי אלז זיא אויף דען פֿעלד וואָרן דיא
תבואה צו שניידן: דא וועֿרן דיא רומיים
אדר דיא כתים גקומן אונ׳ אינן אירי טעכטר
וועק גנומן: אליין ענטוועדר דאז מוז גאר
איינה גאנץ אנדרי מעשה זיין: אדר עס מוז
איין טעות ביים דעם יוסיפון:

כד מן מוז אבר וויסן דש ניכט נור דיא
איין וואונר פֿון דיזר שטאט זיין רומיים גנענט
וואָרדן זונדרן אויך אלי אנדרי איין וואונר:
דיא דא צו דעם מלכות פֿון דיזר שטאט געהערטן
אונ׳ דא דיא ממשלה אונ׳ דיא גבורה פֿון דיזר
שטאט פֿון טאג צו טאג זאָ גוואקסן: דש זיא
ניכט נור גאנץ איטליא זונדרן אויך מאט דען
גאנצן עולם האט כובש גוועזן: זאָ מוז עס
אויך געשעהן דאס ניכט נור דיא איין וואונר
פֿון איטליא: זונדרן אויך פֿון אנדרן. פינות
העולם זיין רומיים אדר רוֹימר גנענט
וואָרדן: וויא בפֿרט צו לעזן איזט אין דעם
בוך מעשי השלוחים סימן כ׳:

כה דאך מוז מן וואול מערקן: דאס
דורך דיא רומיים מן וועלכי דיזר בריב מתחילה
איזט

איזט גשריבן ווארדן ניכֿט איין מאל דיא
רומיים בכֿלל פֿר שטאנדן ווערדן: דיא אין
דער שטאט רויק אליין גוואונט האבן· זונדרליך
עס ווירד נור בפֿרטית איינה עדה אדר קהילה
פֿון נוצרים אדר משיחיים גמיינט דארונטר
אויך וואול יהודים ווארן· דיא דאך אבר
דעם רובֿ נאך אויס זאלכֿן רומיים בשטאנדן
דיא פֿאר הער גויים עובֿדי עבֿודה זרה גוועזן
זיין· דער נאך אבר מיט מירה האנד צו
גאט גשריבן אונ׳ גזאגט צו דעם הויז גזינר
יעקבֿ· קומט אונ׳ לאזט אונז גיאן אין דעם
ליכֿט פֿון משיח: וויא איר אונטן פֿון דיזר
זאך ווייטר רידן ווערדן· איר האבן דיזט
נור זוא אין דיזם ארט מעלדן וואלן· כדי אן
גלייך פֿר שטיאן מעכֿטי וואס פֿר רומיים
אויך דעם טיטול גמיינט ווערדן:

כו ווען אבר אימאנדר דאז זאלטי
וואונדרליך פֿאר קומן צו גלויבן· דאס השי׳
השגחה גהאבט איבר זאלכֿי בריות (דא פֿון
אין סעיף י״ב ביז כ״ג גמעלדט) דיא דער
נאך זוא פֿיל אומות מיצר גוועזן· אונ׳ וועלכֿר
נאך קומלינג זוא פֿיל מלכֿיות פֿר ווישטיט· דש
זיא זיין צום שרעקן גווארדן אין דער גאנצן
וועלט: אונ׳ וואס נאך מער איזט· דיא דא

לסוף

לסוף זאס גאר אין ארץ ישראל הין איין געגאנגן אונ׳ דאז בית המקדש מטמא געוועזן · אונ׳ עס צום שטיין הויפֿן געמאכֿט : איין זאלכֿר האט געוויס נאך קיינה ידיעה פֿון דען מדות פֿון הקב"ה כבֿיכֿול אלז וועלכֿר משגיח איזט איבר דיא קליינשטי בריות · בפֿרט אבר איבר מענשן דיא ער כביכֿול איין מאל גברויכֿן וויל צו דער רוט פֿון זיינם צורן · אום זיינן פֿיינדן צו בלאגן אירי זינדי אויך איר טוים ווען איר האט פֿול איזט · וויא איר זעהן קענן אן דעם משל פֿון נבוכד נצר · פֿון כורש אונ׳ פֿון אנדרי מלכֿי הגויים · דיא השי׳ זייני קנעכֿטי נענט · נעמליך וויל זיא כלי נקמתו · דיא געפֿעס פֿון זיינר ראכֿונג געוועזן זיין : אונ׳ וואס וואלן איר זאגן פֿון ישמעאל זיין ניכֿט זייני נאך קומלינגי · נעמליך דיא ישמעאלים · דיא קדרים · דיא ערבים אונ׳ אנדרי מעהר צו איינם פֿאל שטריק אונ׳ צום טרעקן געוועזן צו זאס פֿילן אוואות · זונדערליך אבר צו דען מלכֿי ישראל · וויל זיא אן כנען אן גרענצטן : זיין זיא ניכֿט אויך ביים חרבן בית ראשון מיט דא ביים געוועזן · אונ׳ דאך האט הקב"ה השגחה געהאבט איבר דען ישמעאל · אונ׳ דא ער העט מוזן פֿון דארשט שטערבן · זאס שיקטי ער

גאר

גאר מיינן אלאך אונ' ליס מין אלין זיין פֿון דעם טויט : אונ' דש איר ניכֿטש גרעגקן פֿון עמון אונ' מואב · פֿון אדום אונ' אנדרן אוואות רעות דיא גרויטי צרות האבן גורם גוועזן אין דעם עולם :

כז ועל כולם · זוא פֿינדט אן דאך דאס אויך טון דיא חכמי המדרש דיזה אעטה פֿון רומולוס אונ' רימוס פֿאר מאות גהאלטן · אויב זיא זיך טון אין מייניגן זאכֿן דא בייא האבן טועה גוועזן : דען איר לעזן אין דעם מדרש רבה איבר מגילת אסתר בייא דעם פסוק גם ושתי המלכה עשתה משתה נשים דיזי ווארטי : כתיב ראיתה כי אתה עמל וכעס תביט לתת בידך · עליך יעזוב הלכה · יתום אתה היית עוזר · אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה · רבש"ע ראית שעשו הרשע בא · ועתיד להחריב את בית המקדש · ומגלה את ישראל מארצם ומשלשלין בקולרין · תביט לתת בידך · ואתה היית משרה שכינתך על יצחק ואומר לו הנה משמני הארץ יהיה מושבך ועל חרבך תחיה : עליך יעזוב הלכה למחר הוא בא · ונוטל יתומים ואלמנות וחובשין בבית

האסורין ואומר להם אותו שכתוב בו׳ אבי
יתומים ודיין אלמנות יבוא ויציל אתכם
מידי: אלא יתים אתה היית עוזר שני
יתומים שנשתיירו לו זה רימוס ורומולוס:
נתת רשות לה לזאבה להניקן׳ ובסוף עמדו׳
ובני שני צריפים גדולים ברומי: דאז הייסט
אויף טייטש: עס שטיט גשריבן (תהלים י׳
פסוק י״ד) דוא האסט עס דאך וואול גזעהן
דען דיא אירדיגקייט אונ׳ דען צארן צוגשט דוא׳
צו געבן׳ מיט דיינר האנט׳ דיין ארם פאלק
פר לאזט זיך אויף דיך׳ דאז ביזט איין
העלפר צו דען וויזן: עס שפריכט כנסת
ישראל פאר הקדוש ברוך הוא׳ דוא הער
פון דער וועלט דוא האשט עש דאך וואול
גזעהן נעמליך דאס דער עשו הרשע קומן
ווירד׳ אונ׳ צו קינפטיג דאז בית המקדש פר
וויסטן׳ אונ׳ ישראל אויס איר לאנד פר
טרייבן׳ אונ׳ זיא מיט אייזרני קיטן בינדן׳
זא לוגשט דוא צו געבן מיט דיינר האנד׳
כלואר׳ דאז האסט דיינר שכינה אויף יצחק
רוען לאזן׳ אונ׳ צו אים (צו דעם עשו) זאגן׳
(בראשית סימן כ״ז פסוק ל״ט אונ׳ מ׳) נון׳
דיא פעטיגקייטן פון דער ערדן זאל זיין
דיינה וואונוג׳ אונ׳ מיט דיינם שווערט
זאלשט

זאגט דאז דיך ערנעהרן · אויף דיך פר
לאזט זיך דיין פאלק · נעמליך ווען ער מארגן
קומט · אונ' נעמט וויזן אונ' וויטפרויאן ·
אונ' בינדט זיא אין דעם געפענקניש · אונ'
שפריכט צו איהנן · דער יעניגי · פון וועלכן
געשריבן איזט (תהלים ס"ח פסוק ו') איין
פאטר פון דען וויזן אונ' איין רעכטר פון
דען וויטפרויאן · דער מאג קומן אונ' אייך
בשירמן פון איינר האנד : נייארט (וואס
נאך מער איזט) דוא בישט אויך איין העלפר
צו דען וויזן · כלומר צו דען צווייא וויזן ·
דיא דא איך (נעמליך דעם עשו אדר דעם
מלכות אדום) זיין איבר געבליבן · דיזי זיין
רימוס אונ' רומולוס · דא האטטו אכט
געגעבן צו איינר וועלפין · אום אינן צו זויגן
צו געבן : אונ' ענדליך זיין זיא אויף געשטאנדן
אונ' האבן געבויאט צווייא גרויסי הייזר צו רומי :

כח דא בייא אכט דער בעל מתנות
כהונה דיזן פירוש · אמן מתה · והקב"ה
זימן זאבה והניקה אותם · והגדילו ונעשו
מלכים גדולים : דאז הייסט · אירה מוטר
איזט געשטארבן · אונ' דא האט הקב"ה איינה
וועלפין הין געשיקט · וועלכי אינן צו זויגן געגעבן

אונ׳ זיא זיין אויך גוואקסן׳ אונ׳ צוויא גרויסה אנלכין גווארדן :

כט אונ׳ דא הער טרייבט דער ר׳ שמעון הדרשן אין זיינם מדרש ילקוט תהלים י׳ מיאן תרנ״ב אנווא׳ רימוס ורומולוס מתרה אמן׳ וזימנתה הזאבה שתניקם ועמדו ובנו שני צריפין גדולים ברומי : דיא מוטר פֿון ריאוס אונ׳ רואוזוס איזט גשטארבן (אפֿטר בטעת הלידה) אונ׳ עס האט זיך איינה וועלפֿן הין צו גפֿיגט׳ וועלכֿי זיא זויגן זאלטי׳ אונ׳ זיא האט אינן צו זויגן גגעבן אונ׳ זיא זיין אויך גשטארנן אונ׳ האבן צוויא גרויסה הייזר גבויאט אין רומי :

ל נאך אנדרשט ערצילט דער רב שם טוב דיזס מעשה אין זיינן דרשות איבר פרשת וישב׳ וועז ער שפריכֿט׳ חלם אביהם בעת לדתם׳ שהיו יוצאות מנחיריו שני אודים ושורפים עירו׳ אשר הוא מושל עליה : כאשר הקיץ הגידו לו שכבד ילדה אשתו תאומים ושפט כי הם האודים אשר חלם וצוה להשליכם ביער׳ וכן עשו ונזדמה להם דובה והניקה אותם וכו׳ ומהם המשפחות הגדולות שברומי והם הדובים: דאז הייסט׳ עס האט אירן פֿאטר (נעאליך דען פֿאטר פֿון ריאוס אונ׳ רומולוס

רומולוס ) מין דער לייט דא זיא זאלטן גבוירן
ווערדן גטרויאט · דאס לוויא ברענגר אויס
זיינן נאז לעבֿרן הרויס גינגן · אונ׳ פֿר ברענגטן
זיינה שטאט · איבר וועלכֿי ער גוועלטיגטי
אונ׳ אלז ער אויך גוואכֿט ווארי · זאגטן זיא
איך דאס זיינה פֿרויא טון איין לווילינג
גוואונן האט · דא האט ער נון גריכֿטיט
דאס דיזי ( זיינה קינדר ) דיא ברענגר
זיין וואו פֿון איך גטרויאט האט · אונ׳ ער
האט גבאטן זיא אין דען וואסר הין איין לו
ווערפֿן · אונ׳ זיינה עבֿדים האבן אויך אלזוא
גטאן · אונ׳ עס האט זיך איינה בערין לו
אינן גפֿיגט אונ׳ זיא גזויגט וכו׳ : אונ׳ פֿון
דיזן קומן דיא גרויסה משפחות הערלו רויס ·
אונ׳ דאז זיין דיא דוביים :

לא אלין מה נפקותא מניה · איר
וואלן ניכֿט זאגן דאס דוקא אליס אמת איזט
וואס אין דען דברי הימים פֿון דעם רומולוס
אונ׳ פֿון זיינם ברודר איזט גשריבן · אין
לווישן איזט דאך דיזש אמת ונכֿון · וואס
אויך יוסף בן גוריון מעלדט דאס נעאליך גלייך
נאך דעם דור הפלגה דיא כתים נאך איטליא
גגאנגן זיין · אונ׳ זיך בפֿרט אן דעם ארט
דער קמפניא הייסט · נידר גזעצט אונ׳

אייניגי שטעטי גבויאט · בין דער נאך איינר
אויף גשטאנדן אויז דער רומולוס גהייסן ·
דער האט אין עבן דעם זעלביגן פלוין דיא
שטאט רומי גבויאט · ער אאג נון זיין אין
דאז וואסר גווארפֿן אונ׳ פֿון איינר חיה רעה
אדר פֿון איינר אשה זונה גזויגט ווארדן
אדר ניכֿט :

לב אויז נון דיזש פֿון דער שטאט
רוים זעלבשט אמת · וויא עש דען בעל
כרחך אמת זיין אוז · וייל דארינן אלי דבֿרי
היאים פה מחד אמכים זיין · זוא קאן אן
זיך ניכֿט גנוג פֿר וואונדרן · וויא זיך דאך
דיא חכמי התלמוד זוא זעהר אין דיזר זאך
האבן טועה גוועזן : דען איר לעזן אין דעם
אנדרן פרק פֿון אסכֿת סנהדרין · דער זיך
אנפֿאנגט כהן גדול דף כ״א ע״ב אלזוא דא
פֿון : אמר רבי יצחק · בשעה שנשא
שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה
בים · והעלה שירטון · ועליו נבנה כרך גדול
שברומי : דאז הייסט אויף טייטש · עש
שפראך רבי יצחק · אין דער שטונד אלז
שלמה דיא טאכֿטר פרעה צו זיינר פֿרויא
גנואן האט ( דא פֿון צו לעזן אויז אין ספֿר
מלכים א׳ קאפ ח׳ פסוק א׳ אונ׳ וייטר ) אויז
גבֿריאל

גבריאל פֿון דעם היאל הרונטר גנירט · אול
דאט איינה רויר אין דאז ווער גשטעקט
וועלכֿט אולייא עריר מן זיך גנואן · (וועלכֿי
דאז ווער וונשטן אן דען בארטן צו טאייטן
ספֿלעגט ): אונ׳ דארויף איזט דיא גרויסה
שטאט רויא גבויאט ווארדן :

לג דיזט ווירד נון גמעלדט פֿון דעם
יסוד אדר גרונד צו דיזר שטאט : פֿון דער
ליט אבר אין וועלכֿר דיא שטאט זעלבשט
איזט גבויאט ווארדן · דא פֿון ווירד אין
דעם פֿינפֿטן פרק פֿון מסכֿת שבת דער דא
הייסט במה בהמה ניכֿט וייט פֿון דעם
ענדי דיזט פרק אלזוא גלערנט : במתניתא
תנא · אותו היום · שהכנים ירבעם שני
עגלי זהב · אחד בבית אל ואחד בדן · נבנה
צריף אחד · וזהו איטליא של יון : דאז
הייסט · אין איינר אטנה ווירד גלערנט ·
אן דעם זעלביגן טאג · אלז ירבעם (בן
נבט) האט צווייא קעלבר הין איין גבראכט ·
איינט אין בית אל · אונ׳ איינט אין דן · (וויא
צו זעהן איזט אין ספר מלכים א׳ קאפ י״ב
פסוק ל ) דא איזט איינה היט גבויאט ווארדן
אונ׳ דיזט איזט איטליא אין יון : דיזט איזט
רשי׳ אלזוא אפֿרש : ביום שהעמיד ירבעם את


העגלים

העגלים נבנה צריף אחד באותו שירטון · שגידל שם בימי שלמה · דאז מיינט · אן דעם טאגי אן וועלכן ירבעם דיא קעלבר גשטעלט האט · דא מיינט איינה היט גבויאט ווארדן אויף דעם יעניגן הויפן פון ליים אונ׳ זאנד אויט דעם מער · וועלכר דארט אין דען טאגן פון שלאה האלך האט אן גפאנגן צו וואקסן : דורך איטליא של יון · וויר ניכט אנדרש פר שטאנדן אלז רומי וויא רשי׳ אאכט ווען ער שפריכט · והוא של יון במסכת מגילה · דאז הייסט עס וירד דא דורך פר שטאנדן דאז יון · וואו פון אין אסכת אגילה שטיט : נון פינדן איר אין דעם ערשטן פרק פון אסכת אגילה דפוס ויניציא דף ו׳ עאוד א׳ בפירוש אלזוא גשריבן · איטליא של יון זהו כרך גדול של רומי איטליא אין יון · אייט דיא גרויטי שטאט רוים : דיזי ווארטי זיין אין דפוס באזיליא אונ׳ אין אנדרן וועק גלאזן · דאך פינדט אאן זיא נאך אין דעם עין יעקב · וואו זעלבשט אויך דיא פאריגי אעטה פון רומי צו לעזן אייט :

לד עבן אלזוא שטיט אין דעם תלמוד ירושלמי נעאליך אין דעם ערשטן פרק פון אסכת עבודה זרה · דף ל״ט עאוד ג׳ אמר

רבי

רבי לוי יום שנתחתן למרה לפרעה נכה מלך
מצרים ירד מיכאל ונעץ קנה בים׳ והעלה
שלעטיט׳ ונעשה חורש גדול׳ וזה הוא
כרך גדול שברומי: יום שהעמיד ירבעם
שני עגלי זהב׳ באו רימוס ורומולוס׳ ובנו
שני צריפים ברומי: יום שנסתלק בו אליהו
הועמד מלך ברומי וכו׳׳ דאז איזט טייטש
עס שפראך ר׳ לוי׳ אן דעם טאג אלז זיך
שלמה המלך האט אתחתן גוועזן מיט פרעה
נכה׳ דעם קיניג אין מצרים׳ איזט דער
מלאך מיכאל הרונטר גשטיגן׳ אונ׳ האט
איינן רויר אין דאז מער היין איין גשטעקט
דיזר רויר נון האט דען זאנד אונ׳ דיא ערדי
וועלכי דאז מער פון זיך ווירפט׳ אן זיך
גצויגן דאראויז איזט איין גרוישר וואלד גווארדן
אונ׳ דיזט איזט דיא שטאט רומי: אן דעם
טאג׳ דא ירבעם צוויא גילדני קעלבר אין
דעם היכל גזעצט׳ איזט גקומן רימוס אונ׳
רומולוס׳ אונ׳ האבן צוויא קליינה הייזרכן
גבויאט אין רומי׳ אן דעם טאג אלז אליהו
הנביא איזט אויף גשטיגן גען הימל׳ דא
איזט איין קיניג צו רומי איין גזעצט ווארדן:

לה אלס דיזט אבר קאן אן ביים
אנדרן נאך דייטליכר אונ׳ וויטלייפטיגר לעזן

אין שיר השירים רבה וואו זעלבסט ביים
דעם פסוק אל תראני שאני שחרחורת וגו׳ ·
בני אמי נהרו בי כרמי שלי דיזי ווארטי צו לעזן
אמר רבי לוי יום שנתחתן שלמה לבת פרעה
נכה ירד מיכאל שר הגדול מן השמים · ונעץ
קנה גדול בים · והעלה לחלוחית מיכן ומיכן
ועשה אותה מקום כחורש · והוא היה מקומה
של רומי : יום שהעמיד ירבעם בן נבט שני
עגלי זהב · נבנו שני צריפין ברומי · והוו
בניין להון · ואינון נפלין · בניין להון ונפלין
הוה תמן גברא סבי · ושמיה אבא קולון ·
אמר לון · אי לית אתון מטיין מייא מנהר
פרת · וגבלין בהדא טינה ובניין להון · לית
אינן קיימין : אמרו ליה מאן עביד כן · אמר
לון אנא · עבד גרמיי שפיי דחמר : הוה
עליל לקרייא ונפיק לקרייא · עליל למדינה
ונפיק למדינה עד זמן דאתא לתמן : כיון
דמטא לתמן · אזל ואמטי מייא מן פרת ·
וגבלון בטינא · ובנו יתהון וקמון : מן ההוא
ענתה הוון אמרין : כל מדינה ומדינה דלית
אבא קולון · לא תתקרי מדינה · והוו קריין
ליה רומי בבלן : דאז הייסט אויך טייטש
עס שפראך רבי לוי · אין דעם טאג · אלז
זיך שלמה המט מתחתן געוועזן מיט דער
טאָכטר

טאכטר דעס פרעה נכה · איזט דער גרויסי
פירשט מיכאל פון דעם הימל הרונטר געשטיגן
אונ׳ האט איין גרויס רויר אין דאס מער
געשטעקט · אונ׳ ער האט אלרלייא ליים
דארן אויף שטייגן געמאכט פון אלן זייטן ·
אונ׳ דען ארט געמאכט אלז וויא איינן וואלד
אונ׳ דיזס איזט גווארדן דער ארט פון רומי :
אן דעם טאג · אלז ירבעם דער זון נבט
האט צווייא קעלבר אויף גריכט · זיין צווייא
קליינה הייזר צו רומי געבויאט ווארדן · אונ׳
אלז אן זיא בויאטי · דא ווארן זיא איין פאלן ·
אונ׳ אן בויאטי זיא ווידר · אונ׳ זיא ווארן
ווידרום איין פאלן : עס ווער אבר דא
געלעבט איין אלטר אמן · אונ׳ ער היס איט
נאמן אבא קולון · דער שפראך צו איינן (צו
דען לייטן אן דעם ארט רומי · דיא דא
דיזי קליינה הייזרכן בויאן וואלטן) ווען איר
ניכט וואסר ברענגן לאזט אויס דעם באך
פרת · אונ׳ פר מישט מיט דעם זעלביגן דען
ליים אונ׳ בויאט דא מיט דיא הייזרכן זא
ווערדן זיא ניכט שטיאן בלייבן · דא שפראכן
דיא לייט צו אים · ווער וויל אונז דיזס טון
(אונ׳ וואסר היער הער ברענגן אויס דען
באך פרת · דער דא אין ארן ישראל איזט

דען ווען דיא לייט אויש ארץ ישראל עש זעהן
ווערדן · זא ווערדן זיא עש ניכֿט נעמן לאזן ) ·
שפראך ער · איך וויל עש טון : דא איזט
ער הין גרייזט · אונ׳ האט זיך געמאכֿט
אדר פֿר שטעלט אלז ווען ער איין ווין הענדלר
וועדי · דער דא ווין אויש איינר מדינה
אין דיא אנדרי פֿיהרי · אונ׳ גינג אויש איינר
שטאט אין דיא אנדרי · אויש איינר מדינה
אין דיא אנדרי · ביז דאש ער דאהין (נעמליך
אין ארץ ישראל ) געקומן איזט : אלז ער
נון דא הין גרייכֿט · גינג ער אונ׳ בראכֿט
וואשר אויש דעם באך פרת · אונ׳ זיא פר
מישטן עש מיט דעם ליים · אונ׳ בויאטן דיא
הייזרכֿן דרויש · אונ׳ זיא בליבן שטיאן :
פֿון דיזר לייט אן זאגטן דיא לייטי אלז איין
שפריך ווארט · איינה איקליכֿה מדינה ·
וואו קיין אבא קולון איזט · דיא איזט קיינה
מדינה צו נענן : אונ׳ זיא נענטן דיזי צווייא
הייזרכֿן רומי בבלון ( כלומר וועלכֿי איר
היך שטאנד האפֿטיג געבליבן איזט דורך
פֿר מישונג פֿון וואשר אויש דעם באך פרת
מיט דעם ליים צו דיזם באוא · ווא עש
דער בעל מתנות כהונה אפֿרט איזט ) :
לו דאש אבר דיזש ברובֿ לויטר שקרים
לויטר

לויטר הבלים אונ׳ דברי שטות זיין · לערנן מיר ערטטליך פֿון דעם ארט זעלבסט · אין וועלכן דיא שטאט דויך ליגט · צום אנדרן לערנן מיר עס אויך אויט דער לייט רעכנונג פֿון דעם אלפים אונ׳ טריק · דיא דא זעלבסט גקיניגט האבן : אונ׳ דיזט וואלן מיר כסדר דייטליך בוויזן · דא איט גאר קין ספק דא בייא איבריג בלייבן זאל · אונ׳ דער שטות פֿון דען רבנים רעטטא בעטר אעלטי ערקענט ווערדן :

לז מיר האבן שון אויבן גמעלדט · דאט רומי ליגט אין דען פלוין ארד אין דער אדינה דיא שון אטניק קראונים מיזט כמפניא גנענט ווארדן : גלייך ווי אבר דיזי אדינה פֿון מזרח מערב אונ׳ צפון לויטר יבשה אונ׳ אנדרי אקוואות אום זיך הרום האט · אונ׳ נור פֿון דרום זייט אן דאז ים אן גרענצט · אלזוא ליגט אויך רומי זעהר וויט פֿון דעם ים אויב זיא גלייך אין אירן אום קרייז בערך פֿירלעהן איטליעניטי איילן אין זיך בגרייפֿט · דאט נאך פֿיל אנדרי שטעט אונ׳ דערפֿר דער לוויטן ליגן : איר וויטן אויך · דאט רומי ליגט בייא דעם פלוס טיברים · ארד דער פלוט טיברים פֿליסט דורך דיא שטאט דורך · אונ׳

דאס דיזי שטאט איזט גבויאט ווארדן ניכֿט
ווייט פֿון דער שטאט אלבא · דיא אויך
בייא דעם פֿלוס טיבריס געלעגן האט · אונ׳
וועלכֿי פֿאר העער דאז מקום מלכֿות וואר :
נון שרייבט יוא דער יוסיפֿון אין זיינם ערשטן
בוך סימן א׳ דאס טון דיא כתים נאך דעם
דור הפֿלגה אין דעם טאל כאפניא בייא דעם
